9733


# DER JUDE

ZWEITE-BILLIGE-AUSGABE

# דער יוד

## צווייטע ביליגע אויסגאבע

צייטשריפט פיר אלע יודישע אינטערעסען.

ערשיינט יעדע וואך.

פערלאג: חברת „אחיאסף“.

**אבאנאמענטס־פרייז:**

| | | |
|---|---|---|
| עסטרייך־אונגארן: | יעהרליך —.5 קראנען; | האלביעהרליך 2.50 קראנען. |
| רוסלאנד: | „ —.2 רובל; | „ —.1 רובל. |
| דייטשלאנד: | „ 4.50 מארק; | „ 2.25 מארק. |
| ענגלאנד, אמעריקא: | „ —.4 שילינג; | „ —.2 שילינג. |

איינצעלנע נומערן 6 קאפ. (מיט פארטא 8 קאפ.)
פיר ענדערן די אדרעסע 20 קאפ.

**פרייז פון מודעות (אנאנסען):**

פיר יעדע קליינע שורה פעטיט אויף דער לעצטע זייטע: 40 העללער, 40 פפעניג, 20 קאפ. פיר יעדע קליינע שורה פעטיט אויף דער ערשטע זייטע 60 העללער, 60 פפעניג 30 קאפ.

אדרעסע פיר רוסלאנד:
*Издательство Ахіасафъ, Варшава. — Verlag Achiasaf, Warschau.*
פיר אויסלאנד: *Administration „Der Jude“, Krakau, Gertrudy 16.*

KRAKAU, 27 November 1902. Nr. 47 II קראקוי, חשון תרס״ג.



**אינהאלט:** אונזערע טעכטער. זכאי. — פאליטישע ידיעות. — היגיענע (קינדער ערציהונג). ד״ר י. מ—ן. — די יודישע וועלט. — דער הונד (ערצעהלונג). אברהם רייזען.


## אונזערע טעכטער.

### ב.

די היינטיגע יודישע פרוי שטעהט ווי אבגעזונדערט, אבגעשיידט פון פאלקסלעבען. זי האט זיך איהר אייגען וועלטיל, אין וועלכען זי לעבט, טראכט, ערציהט די קינדער, פיהרט איהר הויז. און אלע נאציאנאלע געפיהלען זענען איהר פרעמד, אומבעקאנט. זי אינטערעסירט זיך ניט מיט כלל־זאכען, מיט פאלקס־בעדערפנישען, און דערפאר טאקי ווערט היינט אזוי וועניג גוטע זאכען ביי אונז אויסגעפיהרט, ווייל אונז פעהלען אזאלכע העלפער ווי די פרויען.

וויפיעל פראיעקטען, וויפיעל וויכטיגע עצות, זענען שוין געשריבען געווארען אין אונזערע צייטונגען, איבער פערשידענע זייטען פון אונזער לעבען, אונזער ערציהונג, אונזער מאטעריעלע און גייסטיגע אויסבעסערונג. אבער כמעט קיין איינציגער פראיעקט איז ניט אויסגעפיהרט, כמעט קיין איינציגע עצה איז ניט אנגענומען געווארען. פאר וואס? ווייל די עצות, די פראיעקטען, די ארטיקלען אין די צייטונגען לעזען נור די מאנסלייט, וואס יעדער האט זיינע אייגענע מאטריעלע זארגען און האט ניט קיין קאפ צו כלל־זאכען. אונזערע פרויען ווייסען גאר ניט וואס עס רעדט זיך אין די העברעאישע צייטונגען; זיי הערען גאר ניט די ביטערע זיפצען פון דער פאלקס־וועלע, זיי זעהען גאר ניט די וויסטקייט, די געפאלענקייט פון פאלקס צושטאנד, און דערפאר איז אונז אזוי שווער טהון עפיס רעכטס.

עס איז גאר איבריג צו בעווייזען, ווי וויכטיג איז דער פרוי׳ס מיטהעלפען, מיטארבייטען אין פאלקס־לעבען. לאמיר נור זעהן צוויי ביישפילע, וואס יעדער וועט אויף זיי מודה זיין.

אין א שטאדט ווערט, למשל, א ביליגע קיך פאר ארימע לייט. כל זמן די דאמען אינטערעסירען זיך מיט דער קיך, כל זמן די שענע טעכטער קומען אהין יעדען טאג און געבען אכטונג אויפ׳ן עסען, בעדינען די ארימע לייט, דערלאנגען זיי, אז״וו. בליהט די קיך, עס פעהלען ניט קיין נדבות, דאס עסען איז גוט און געשמאק. קוים אבער הערט־אויף די פרויען צו אכטונג געבען, צו קומען יעדע אין איהר טאג, ווערט אויך באלד אבגע־קיהלט דער חשק פון די מאנסבילען צו דער גוטער זאך און די קיך גיהט־אונטער. דאס זעהען מיר אויך ביי אלע חברות פון צדקה. קוים אינטערעסירען זיך נור פרויען מיט דער חברה, וועט זי וואקסען און בליהען.

דער בעסטער בעווייז אבער איז דער ציוניזם, וועלכער — מיר זאגען עס גאנץ אפען — האט זיך אזוי גיך צור־שפרייט ביים פאלק נור ווייל אונזערע טעכטער האבען זיך אנ־געהויבען אינטערעסירען מיט איהם. דאס איז איינע פון די שענסטע זייטען אין ציוניזם, דאס גיט איהם די בעסטע האפנונג צו בליהען און ברענגען די טייערסטע פרוכט.

אונזערע פרומע, ארטאדאקסישע ברידער, זענען שטארק אומצופרידען, וואס אויף די ציוניסטישע פערזאמלונגען קומען אויך פרויען, אויף די ציוניסטישע פערוויילונגען זינגען יונגע לייט מיט פרויינם ציוניסטישע לידער אד״ג. זיי פערשטעהען אבער גאר ניט, אז ווען ניט די פרויען, וואלט די ציוניסטישע אידעע נאך געווען אין די וויקעליך; די בעוועגונג וואלט ניט אזוי גע־שווינד ארומגענומען דאס גאנצע פאלק. עס איז א גליק פאר׳ן ציוניזם, וואס ער האט פרויען מיטארבייטער. וואס מעהר די יודישע פרוי וועט זיך אינטערעסירען מיט׳ן ציוניזם, מעהר וועט

די בעוועגונג זיך פערשפרייטען. מעהר וועט זיך די אידעע איינפלאנצען טיעף אין הארצען פון גאנצען פאלק.

די ציוניסטען בעדארפען דארום אנווענדען אלע מעגליכע מיטלען אז אונזערע טעכטער זאלען ווערען ציוניסטקעס. דער אנפאנג האט שוין דייטליך געוויזען ווי וויכטיג דאס איז. מיר האבען שוין יעצט פיעל פרויען־חברות, בנות ציון, וואס אינטערעסירען זיך פאר'ן פאלק, לערנען העברעאיש און יודישע געשיכטע און ווערען צוגעבונדען צו אונזערע פאלקס־אידעאלען.

העברעאיש און יודישע געשיכטע — דאס זענען די צוויי נייטיגסטע זאכען פאר אונזערע פרויען. די העברעאישע שפראכע וועט זיי עפענען מיט איין מאל, ניט נור דעם גאנצען אוצר פון אונזער ליטעראטור, אבער אויך דאס גאנצע יודישע לעבען, וואס איז ביז יעצט פערשלאסען פאר זיי. זיי וועלען ניט שטעהן מעהר פרעמד, קאלט, ווייט פון אונזער פאלקס־לעבען. די העברעאישע שפראכע וועט אין זיי אריינגעבען דעם היילינגען פייער פון יודענטום, פון נאציאנאלען געפיהל, פון איידעלען יודישען שטאלץ. די יודישע געשיכטע וועט זיי צוריק צובינדען צו אונזער גרויסער וואונדערליכער פערגאנגענהייט, וועט אין זיי אויפבלאזען דעם פונק פון יענע פאטריאטישע פרויען, וואס זענען מיט פרייד געגאנגען אויפ'ן קאסטער האלץ און זיך מוסר־נפש געווען פאר זייער רעליגיע און פאלק.

וועלען אונזערע טעכטער פערשטעהן העברעאיש, וועט ערשט רעכט אויפבליהען אונזער ליטעראטור. אונזער טאכטער וועט ניט פערברענגען איהר פרייע צייט מיט פרעמדע ביכער, ניט לעבען גייסטיג אין א פרעמדער וועלט; זי וועט געפינען פיעל פערגניגען אין איהר אייגענער ליטעראטור, אין איהר אייגען וועלט.

דאמאלס וועלען די ביכער פון אונזערע שרייבער מעהר ניט שימלען אויף די פאליצעס פון די בוכהענדלער; דאמאלס וועלען אונזערע ליטעראטען אויך וויסען פון א לעבען, ווי די ליטעראטען פון אנדערע פעלקער, וואס לעבען אין עושר און כבוד און שרייבען ניט פון דחקות, ניט אין ארימקייט, נאר מיט פערגניגען און נחת. דאמאלס וועלען מיר אויך קענען האפען, צו אויפלעבען די העברעאישע שפראכע, זי זאל זיין אונזער מוטער שפראכע. אונזערע מוטער וועלען איינוויגען זייערע קינדער מיט לידער פון דער שפראכע וואס האט אמאל געקלונגען אין היילינגען לאנד, די שפראכע וואס האט אונז געטריי בעגלייט אין אונזער לאנגען גלות, אין איהר האבען מיר אויסגעגאסען אונזערע טרערען און זיפצען, מיט איהר „שמע ישראל" האבען אונזערע עלטער־באבעס ארויסגעלאזט די היילינגע נשמה, און מיט איהר — האפען מיר פעסט — וועלען מיר נאך זינגען דאס גרויסע ליעד פון אונזער הילף און אויסלעזונג.

נור אונזער היילינגע שפראכע איז דאס איינציגע מיטעל, אומקעהרען צו אונז די יודישע טעכטער. אפילו א קריסטין — ווי די בעריהמטע פרוי נאהידא רעמי — אז זי האט זיך בעקענט מיט אונזער היילינגער שפראכע האט זי ליעב בעקומען אונזער פאלק און געווארען א געטרייע יודין. ווי שטארקער נאך וועט זיין די ווירקונג פון דער שפראכע אויף אונזערע אייגענע טעכטער, אין וועלכע עס פליסט דאך דאס בלוט פון יענע העלדישע פרויען מרים, דבורה, חנה, יהודית און די צעהנדליגער היילינגע אין שפאניען, פארטוגאל און דייטשלאנד, וואס האבען געשטרעקט דעם האלז אונטער חלף אדער ארויף אויפ'ן אויטאדא־פע מיט'ן „שמע ישראל!".

העברעאיש, יודישע געשיכטע — דאס מוזען מיר לערנען אונזערע טעכטער. דאמאלס וועלען מיר האבען טרייע מיטהעלפער אין אונזער שווערער מלחמה. מיר וועלען האבען עהרליכע טרייע מוטער וואס וועלען ערציהען אונזערע קינדער אין יודישען גייסט, מיט יודישען געפיהל, און נייע, גאנץ נייע און פרישע כחות וועלען אונז צוקומען, נייע העלדען וועלען אויסוואקסען, צו קעמפפען פאר אונזער הילף און צוקונפט.

זכאי.

---

## פאליטישע ידיעות.

דייטשלאנד און ענגלאנד. דער דייטשער קייזער האט פארינגע וואך געמאכט א רייזע אין ענגלאנד. געוועהנליך, ווען איין קייזער קומט צו־גאסט צום צווייטען, זענען די צייטונגען פון לאנד זעהר העפליך צום אורח, שרייבען איבער פריינדשאפט, שלום, פעראייניגונג, און איבערהויפט רעדען זיי מיט גרויס כביד וועגען דעם גאסט. די ענגלישע צייטונגען האבען היינטיגעס מאל גאנץ פערגעסען אן „עטיקעטע", דרך־ארץ, און האבען דעם דייטשען קייזער מקבל־פנים געווען זעהר קאלט, במעט מיט אפענער שנאה. די צייטונג „דיילי מאיל" שרייבט, אז ענגלאנד וועט קיינמאל ניט פערגעסען דייטשלאנדס אויפפיהרעכץ בשעת דער מלחמה מיט די בורען. די „טיימס" שרייבט: „עס זענען פארהאן אזעלכע פעלקער, וואס מען בעדארף זיך שטענדיג היטען פאר זיי, און צו אזעלכע געהערט אויך דייטשלאנד. מען מוז אויף איהר גוט אכטונג געבען אפילו אויפ'ן ווייטסטען ווינקעל, אסימן איז הינא, וואו דייטשלאנד זוכט איהר נוצען, אפילו אין אזעלכע ערטער וואו זי האט ניט קיין גרעסערע אינטערעסען פון אנדערע מלוכות. מיר דארפען קיין שום צוטרויען ניט האבען צו א מלוכה, וואס איז שטענדיג אנגעגרייט אונז צו פעדוואונדען". די צייטונג „דיילי קראניקל" גלויבט ניט אז דער קייזער ווילהעלם איז געקומען אין ענגלאנד גלאט אזוי צו־גאסט אהן עפיס א פערבארגענע כוונה. אזוי ווי ביסמארק איז געווען א „עהרליכער מעקלער" אזוי איז דער קייזער „א האנדעלס רייזענדער". די צייטונג מיינט, דער קייזער איז געקומען וועגען דער בעזונדערער אייזענבאהן, ענגלאנד זאל געבען צושטייער געלד אויף צו פיהרען די אינדישע פאסט. מען טאר אבער ניט דייטשלאנד אנטרויען די אינדישע פאסט. מען בעדארף ניט שליעסען קיין שום בונד מיט דייטשלאנד, וואס איז דער צווייטער קאנקורענט פון ענגלאנד, הן אין מסחר הן אין פאליטיק. די צייטונג „דיילי עקספרעס" זאגט, דייטשלאנד פיהרט נור קנאה, שנאה און נידערטרעכטיגקייט צו ענגלאנד.

אין דעם זעלבען טאן רעדען אלע איבריגע גרעסטע צייטונגען פון ענגלאנד. אין זיי ווייזט זיך ארויס דייטליך, וואס די ענגלענדער טראכטען וועגען דייטשלאנד...

די מרידה פון מאצעדאניען. וועגען דעם וואס קומט יעצט פאר אין מאצעדאניען (מוקדון), קומען נאך אלץ פערשידענע ידיעות. פון טערקישער זייט שרייבט מען, אז דארט איז גאר ניט קיין מרידה, עטליכע באנדעס רויבער (גזלנים) האבען זיך געוויזען, און דאס טערקישע מיליטער צויאגט זיי גאר אהן גרויס מיה, און באלד באלד וועט שוין קיין

זכר פֿון זיי ניט בלייבען. פֿון אנדערש וואו הערט מען אבער, אַז אין מאַצעדאָניען איז אַ אמתע מרידה, דאָס גאַנצע לאַנד וואָפֿענט זיך גאַנץ ערנסט אין וויל אַראָבוואַרפֿען דעם טערקישען יאָך.

איינער פֿון די מורדים האָט איצט אַריינגעשיקט אַ בריעף אין אַ בולגאַרישע צייטונג. עס איז ווערט צו ברענגען זיינע ווערטער. ער זאָגט אַזוי:

„לעזענדיג די בולגאַרישע גאַזעטען וואונדערען מיר זיך, ווי ווענינג דאָ'ט ווייסט מען פֿון דער מרידה. וועגען שווערע גרויסע מלחמות צווישען די קריסטליכע מורדים און די טערקישע זעלנער און באַשיבוזוקען, שרייבט מען אין בולגאַריען און אייראָפּע ווי וועגען קליינע שלעגערייען. איך שרייב אייך דאַרום מיין יעצטיגען בריעף, כדי איהר זאָלט האָבען אַ ריכטיגען בעגריף פֿון דער מרידה.

„די שווערסטע זאַך פֿאַר דעם, וואָס וויל געהן צו הילף די מאַצעדאָניער, איז: צו אַריבערגעהן די בולגאַרישע גרעניץ: בערג, וועלדער, טיפֿע טהאָלען, פּאָליציי, זשאַנדאַרמען, מיליטער — דאָס אַלעס מוז אַריבערגעהן און גובר זיין דער אומגליקליכער מאַצעדאָנישער עמיגראַנט איידער ער קומט אין זיין געבורטס-לאַנד. געהט ער אבער אַריבער די גרעניץ, ווערט אַלעס איבערגעביטען און אין מאַצעדאָניען פֿיהלט ער זיך גאַנץ פֿריי. אומעטום נעמט מען איהם צו מיט ליעבשאַפֿט, גיט איהם די בעסטע ביקס, די דאָרפֿס-לייט שיצען איהם, נעבען עסען, ער פֿיהלט אַז ער איז אין אַ פֿרייען לאַנד. עס איז ניט אמת וואָס אין בולגאַריען און איירָאָפּא שרייבט מען, אַז די מורדים בעהאַלטען זיך צווישען די בערג אין געדיכטע וועלדער. די דאָרפֿסלייט זיצען אין די דערפֿער בעוואָפֿענט און בעפֿעסטיגט און שיצען, ווי העלדען, זייערע הייזער, אַז די טערקישע באַנדעס זאָלען ניט אַנפֿאַלען.

„יעדער דאָרף איז ווי אַ קליינע פֿעסטונג. די מלחמה ביים דאָרף סערבינאָוו האָט געדויערט זיבען טעג מיט אַכט נעכט. די פּויערען האָבען מלחמה געהאַלטען ווי גבורים, נאָר זעהענדיג, אַז די טערקען זענען פֿיעל מעהר פֿאַר זיי, האָבען זיי געמוזט אַבטרעטען, אום אבער די טערקען זאָלען ניט האָבען קיין פּראָוויאַנט און בעהעלטעניש, האָבען די איינוואָהנער פֿון דאָרף אַליין פֿערברענט זייערע הייזער.

„אין לאַגער פֿון די מורדים קאָכט און רודערט זיך: מען גרייט אָן פּראָוויאַנט, קליידער, געזוועהר אז״וו. תבואות און רינדער האָבען זיי לרוב. פֿאַר'ן ווינטער, וואָס איז אונטער אונזערע פּלייצעס, האָבען מיר קיין מורא ניט: מיר האָבען גענוג וואַרימע קליידער, שטיוועל און אויך ווינטער־קוואַרטירען. אונזער לאַגער איז צווישען בערג און טייכען, אונזער פּאָזיציע איז זעהר פעסט, קיינער וועט זי ניט קענען בייקומען.

„די טערקען זענען איבערגעשראָקען, זיי ווילען זיך מיט אונז ניט בעגעגנען, מיידען אויס מלחמה האַלטען מיט אונז. אין די שטעדט וואו עס וואָהנען געמישט טערקען און בולגאַרען, ווענדען זיך די טערקען זעלבסט צו די קריסטען, זיי זאָלען זיי שיצען. אַזוי איז דער צושטאַנד אין אונזערע בערג־דערפֿער.

„אבער גאַנץ אַנדערש איז אין די טאָהלען, דאָרט מאָרדעוועט מען די קריסטען שרעקליך. דאָס איז ניט קיין „גן-עדן טהאָל" — ווי מען וואָלט געמעגט דאָס לאַנד רופֿען דורך איהר שענקייט און רייכקייט — דאָס איז אַ טאָהל פֿון טרערען, אַ גיהנום".

מיר זעהען פֿון דעם, אַז אין מאַצעדאָניען ברענט יעצט אַ גאַנץ גרויסער פֿייער, און ניט אַזוי לייכט וועט איהם טערקיי איינלעשען...

באַלפֿור'ס רעדע. אויפ'ן באַל, וואָס דער נייער לאָרד־מער פֿון לאָנדאָן (ה. סעמועל — א יוד) האָט געמאַכט אין גילדהאָל, האָט דער פּרעזעס פֿון די ענגלישע מיניסטאָרען, באַלפֿור, געהאַלטען אַ פּאָליטישע רעדע. אויסדריקענדיג זיין ענמת־נפש, וואָס סאָליסבורי האָט זיך אבגעזאָגט פֿון דער שטעלע, האָט באַלפֿור געזאָגט:

„מיר האָבען איבערגעלעבט אַ יאָהר פֿול מיט זעהר וויכטיגע צופֿעלע. די מלחמה אין דרום־אפֿריקא האָט געוויזען, אַז ענגלאַנד איז בעריט צו אַלע שווערע קרבנות, כדי צו פֿערשטאַרקען איהר מאַכט. די צוקונפֿט פֿון דרום אפריקא זעהט אויס צו זיין גוט, אבער עס וועט קאָסטען פֿיעל מיה, ביז דאָס לאַנד וועט צוריק אומקעהרען צו איהר פֿריהערינען צושטאַנד אין ערד־אַרבייט און פֿאַבריקאַציע. מיר האָפֿען אַז דער פֿעהיגער גובערנאַטאָר מילנער וועט בייקומען אַלע שוועריגקייטען.

„טשעמבערליינס רייזע אין אפֿריקאַ וועט האָבען זעהר אַ גרויסע בעדייטונג אין דער געשיכטע פֿון די ענגלישע קאָלאָניעס. אויף די אסיפה פֿון אַלע אונזערע קאָלאָניעס (די אסיפה איז געווען פֿאָריגען זומער אין לאָנדאָן) האָט געבראַכט שענע פּירות, זי האָט געשטאַרקט די פֿערבינדונג צווישען ענגלאַנד מיט איהרע ווייטע מדינות".

וועגען דער אויסלענדישער פּאָליטיק האָט באַלפֿור אויך גערעדט. ער בעדויערט, וואָס די וויזיט פֿון קייזער ווילהעלם אין ענגלאַנד האָט אַרויסגערופֿען „ווילדע, פֿאַנטאַסטישע ספּעקולאַציעס און ידיעות". דאָס לאַנד פֿון די סאָמאַלען (וואו ענגלאַנד פֿיהרט יעצט אַ פֿרישע מלחמה) וועט שטענדיג זיין אַ שווערער לייענען, ווייל די איינוואָהנער זענען זעהר פֿאַנאַטיש, האָבען פֿיינד יעדען פֿרעמדען. דער טראַקטאַט מיט יאַפּאַן און חינא האָט פֿיעל געהאָלפֿען, צו פֿערשטאַרקען דעם שלום אין דער גאַנצער וועלט.

---

## היגיענע.

### וועגען קינדערערציהונג.

#### ח.

עס בלייבט אונז נאָך צו רעדען מיט די עלטערן וועגען פֿיער נויטהיגע זאַכען אין דער קינדער-ערציהונג: לופֿט, וואַרימקייט, ליכטיגקייט און קערפּערליכע בעוועגונג. אין הייגטיגען אַרטיקעל וועלען מיר רעדען וועגען די ערשטע דריי זאַכען.

אַ געוויסער דאָקטאָר זאָגט אין זיינע א ווערק וועגען ערציהונג:

„גלייך ווי דאָס קינד ווערט געבאָרען בעדאַרף מען איהם אנהויבען איינגעוואָהנען צו דער פֿרייער לופֿט און צו אַלערליי פֿערענדערונגען וואָס קומען פֿאָר אין דער לופֿט... די קינדער ווידער האָבען אַזוי ליעב די אָפֿענע לופֿט און דאָס פֿריי לעבען דאָרט, אַז ניט נור עס ווערט זיי קיינמאָל ניט מאוס די גאַס, די פֿרייהייט, נאָר פֿערקעהרט נאָך, זיי האָבען גערען אפילו די אומבעקוועמליכסטע פֿערענדערונגען פֿון דער לופֿט.

„מען קען זעהר פֿיעל רערען דאַריבער, צו די נאַטור האָט לכתחילה בעשאַפֿען דעם מענשען, ער זאָל קענען לעבען אין אַלע פֿערשידענע קלימאַטען. מיר לאָזען דאָס איבער פֿאַר די פֿילאָזאָפֿען — לאָזען זיי זיך אַמפּערען דעריבער. נאָר דאָס איז געוויס, אַז די פּראַקטיקע ווייזט אונז, אַז אַ מענש קען זיך געוואָהנען און צופּאַסען צו אַלסדינג. דאָס איז געוויס, אַז ער איז בעשטימט צו לעבען אין דער פֿ ר י י ע ר ל ו פֿ ט, ווייל נור דאָמאָלס איז ער אם שטאַרקסטען און אם געזונדסטען".

די ווערטער זענען זעהר ריכטיג. די פרייע לופט איז זעהר נויטהיג פאר'ן מענשענס לעבען. וויפיעל מיר זאלען ניט אכטונג געבען אויפ'ן קינדס קערפער, וואשען איהם, האלטען ריין, גוט שפייזען אז"וו, וועט דאס אלץ זיין ווי ארויסגעווארפען, אויב דאס קינד וועט שעפען אין זיך פערדארבענע לופט, אויב עס וועט גאנצע טעג זיצען אין א צימער וואס ווערט קיינמאל ניט דורכגעלופטערט און וועט ניט פערברענגען האטש א פאר שעה אין טאג אויפ'ן פרייען לופט.

אטעמענדיג געבען מיר ארויס פון זיך קוילען-זויערע (א מין פערדארבענע לופט) וואס שאדט זעהר דעם מענשענס קערפער, און מיר שעפען צוריק אין די לונגען פרישע לופט, וועלכע בעשטעהט פון זויערשטאף און אזאט (שטיקשטאף) און א גאנץ קליינע צוגאב פון קוילען-זויערע. דורכ'ן אטעמען ברענגען מיר אריין אין די לונגען, ד"ה אין אונזער בלוט, דעם זויער שטאף וועלכער בעהעפט זיך מיט'ן בלוט, רייניגט, לייטערט איהם און מאכט איהם העל רויט. אז אונז פעהלט אבער פרישע לופט, ווערט אונזער בלוט ניט גוט געלויטערט, לויפט ניט ווי געהעריג אין די אדערען און דאדורך קען ניט דער קערפער זיך געהעריג ענטוויקלען.

זיצענדיג כסדר אין צימער פערדארבען מיר אלץ מעהר זיין לופט, מיר פילען זי אן מיט קוילען זויערע. וואס מעהר מענשען זיצען לאנג אין א צימער, מעהר ווערט די לופט פערדארבען, מעהר פול מיט קוילען זויערע, און מעהר פעהלט אין איהר דער נויטיגער זויער-שטאף. דאס בלוט קען דאמאלס ניט פריי ארומלויפען אין קערפער; אלע איברים, אויך דער מוח, בעקומען ניט גענוג ריינעס פרישעס בלוט און דאדורך א־בייטען זיי פויל, שווער. אין א פערשטיקטער לופט ווערען אפילו די געדאנקען פון מענשען שטומפיג און פויל.

על כן בעדארף מען זעהען, אז דער צימער, אין וועלכען די קינדער זיצען, זאל זיין דער גרעסטער אין דער גאנצער וואהנונג. ווינטער זאל מען דעם צימער דורכלופטערען עטליכע מאל טעגליך, און דאס קינד זאל מען דאמאלס ארויספיהרען אין א צווייטען צימער. אין דער פריה זאל מען דאס קינד אריינפיהרען אין א צווייטען שוין א דורכגעלופטערטען צימער, דארט זאל עס עסען אנבייסען, און דערווייל זאל מען דעם קינדער-צימער גוט דורכלופטערן און אויסהייצען ווי געהעריג.

איידער דאס קינד געהט שלאפען זאל מען ווידער דעם צימער גוט דורכלופטערען, כדי עס זאל אין איהם אריין וואס מעהר פרישע לופט, מיט וועלכע דאס קינד וועט האבען צו אטעמען א גאנצע נאכט אין געשמאק שלאפען.

זומער בעדארפען די פענסטער פון קינדער-צימער זיין א גאנצען טאג אפען. אבער שלאפען ביי אפענע פענסטער איז ניט כדאי, ווייל דאס קינד שוויצט אין שלאף, דעקט זיך אב און קען זיך זעהר לייכט פערקיהלען. אם בעסטען איז, לאזען אפען די פענסטער פון צווייטען צימער, וואס איז ביי דעם קינדס שלאפצימער, די קאלטע לופט וועט דאמאלס דורכגעהן דורך דעם ווארימען צימער.

די טעמפעראטור (ווארימקייט) אין קינדער-צימער בעדארף ווינטער קיינמאל ניט זיין מעהר ווי 14 גראד רעאמיור. צו פיעל ווארעמע לופט ווערט געשווינדער פערדארבען.

אם שעדליכסטען איז פאר א קינד א פלוצלינגע פערענדערונג פון דער טעמפעראטור. למשל, ארויסגעהן פון זעהר א ווארימען צימער אין א גאנץ קאלטען, וואו מען הייצט גאר ניט, אדער ארויסגעהן אין פאדערצימער ווען די טהיר איז אפען. זעהר מאוס און שעדליך איז דאס רגילות פון קינדער ארויסלויפען אין פאדער-צימער, קוים קלינגט עמיצער ביי דער טהיר. אם מעהרסטען פערקיהלען זיך קינדער ווען מען עפענט די טהיר. אויסער דעם, טרעפט זעהר אפט, קינדער בעקומען פערשיעדענע קראנקהייטען ווי למשל שקארלאטינא אד"ג, וועלכע פרעמדע מענשען ברענגען מיט זיך.

יעדאך קינדער פון דריי יאהר בעדארף מען צוגעוואהנען צו פערענדערונגען, זיי בעדארפען ארויסגעהן יעדען טאג שפאציערען אויף דער גאס, ניט קוקענדיג אויפ'ן וועטער. דאדורך ווערען זיי נעהארטעוועט, געוואהנט צו קעלט און נעץ. געוועהנליך בעדארף מען זיי דאמאלס קליידען לויט דעם וועטער (ווי מיר האבען געשריבען אין אונזער פאריגען ארטיקעל).

ווינטער זאל מען ניט ערלויבען קינדער רעדען אויפ'ן גאס, און אויך ניט האלטען אפען דאס מויל. איבערהויפט איז נויטהיג צו געוואהנען דאס קינד אטעמען נור דורכ'ן נאז און ניט מיט'ן אפענעם מויל. דאס וועט איהם אבהיטען פון פיעל קראנקהייטען.

די דריטע זאך וואס איז נויטהיג אין קינדער-צימער איז פיעל ליכטיגקייט. די פענסטער פון צימער בעדארפען זיין צו דרום-זייט אדער צו דרום-מערב זייט, כדי די זון זאל דארט אריינשיינען פיעל שעה אין טאג.

די וואנד פון צימער בעדארפען זיין געשמירט מיט העל-פארב ווניגסטענס ביז א העלפט, כדי מען זאל זיי קענען אלע מאל אבוואשען און ניט דערלאזען, אויף זיי זאל זיך אנקלייבען דער שטויב וואס די קינדער מאכען לויפענדיג און נאכדעם אטעהמען זיי אריין דאס אין די לונגען.

יעדע מוטער מוז שטארק אכטונג געבען, קיין ווערים זאלען זיך ניט איינגאדען אין צימער, ווייל דאדורך קומט אומריינקייט, אויך קענען די קינדער ניט רוהיג שלאפען.

אויף די וואנד בעדארפען ניט הענגען קיין בילדער און ניט אזעלכע זאכען, וואס נעהמען אייף זיך אסך שטויב. הענגט יא עפיס א בילד, זאל מען עס יעדען טאג אבווישען מיט א פייכט טיכיל פון שטויב.

עס איז אויך ניט גוט אריינשטעלען א סך מעביל, בפרט געבעטע. אם בעסטען איז אריינשטעלען אין קינדער-צימער נור: אייזערנע בעטליך, א וואש-טיש צום ארבייטען און שפיעלען, הילצערנע שטוהלען, אדער געבעטע נאר איבערגעצויגען מיט צעראטע אדער לעדער: אם שענסטען און בעסטען זענען מעבעל געפארבט ווייס, ווייל מען קען זיי יעדען טאג אבוואשען.

א וואהנונג אויף א שטאק איז געוועהנליך ליכטיגער און טריקענער ווי א דירה אין דער נידער. דאס געהען אויף די טרעפ ווירקט גוט אויפ'ן קינד, דאס איז א סארט גימנאסטיקע פאר די לונגען און פאר'ן הארצען.

ד"ר י. מ—ן.

---

# די יודישע וועלט.

## געזעצען און משפטים.

— דער סענאט האט ערקלערט אז „האלבע-פעסער” קיין אויסלאנדער קענען בעקומען נור אזעלכע, וועלכע וואהנען אין א מרחק נישט מעהר ווי 21 ווערסט פון דער גרענעץ.

— מאיאר גארדאן האט געפרעגט אין ענגלישען פארלאמענט דעם לארד קאנצלער באלפור, אויב די רעגירונג האט בדעה צו פערעפענטליכען די קארעספאנדענץ מיט די פעראייניגטע שטאטען וועגען די רומענישע יודען. דער לארד־קאנצלער האט געענטפערט דערויף, אז די קארעספאנדענץ איז נאך נישט געענדיגט און דערום קען ער דערווייל נישט געבען קיין אנטווארט אויף די פראגע.

— דעם „בערלינער טאגעבלאט“ איז מען מודיע אויס בודאפעסט, אז די אונגארישע רעגירונג מאכט נייע שווערקייטען פאר אויסלענדער און דערהויפט פאר אויסלענדישע יודען, וואס ווילען זיך בעזעצען אין אונגארן. דער מיניסטער־פרעזידענט לעגט פאר נייע ענדערונגען אין געזעץ וועגען פעסער און וועגען דעם רעכט פון אויסלענדער צו וואהנען אין אונגארן. דערמיט זענען געמיינט די אויסלענדישע יודען אויס גאליציען און רומעניען. אויף די גרענעצען פון די דאזיגע לענדער זענען געשטעלט געווארען בעזונדערע פאליציי פאסטען, כדי אכטונג צו געבען אויף די עמיגראנטען, זיי זאלען נישט אריבער די גרענעץ.

— דער פאריזער צענטראל־קאמיטעט פון דער „אליאנס“ (חברה כל ישראל חברים) האט דערלאנגט דער פראנצויזישער און איטאליענישער רעגירונג א פעטיציע, אין וועלכער ער בעט, אז די אנגערופענע רעגירונגען זאלען זיך אננעהמען פאר די רומענישע יודען און נויטהען די רומענישע רעגירונג, אז זי זאל אבהיטען די תנאים פון בערלינער טראקטאט.

— די שטאדט לאנדאן האט געמאכט לכבוד דעם נייעם לארד־מער (דער ראש העיר) א באל, צו וועלכען עס זענען געווען איינגעלאדען די געזאנדטען פון אלע מלוכות. נור די פערטרעטער פון דער רומענישער רעגירונג זענען ניט איינגעלאדען געווארען. אויף א שאלה פון א קארעספאנדענטען האט דער לארד־מער געענטפערט, אז די רומענישע פערטרעטער זענען ניט פערבעטען געווארען דערפאר, ווייל זייער רעגירונג היט ניט אב איהרע התחייבות'ן. דערמיט איז געמיינט דאס שייכות פון רומעניען צו איהרע יודישע איינוואהנער.

*

## יודישע קהלות.

— אין לאנדאן איז געגרינדעט געווארען א חברה „די יודישע רעליגיאן“, וואס איהר צוועק איז צו רעפארמירען דעם יודישען גלויבען. שבת הוה"מ סכות האבען זיך די מיטגליעדער פערזאמעלט אין א זאל, כדי צו דאווענען צוזאמען. אין זאל איז נישט געווען קיין ארון קודש און קיין ספר תורה און קיין שום זאך, וועלכע זאל ווייזען אז דא איז א שול. עס זענען געווען צוזאמען בערך 300 פערזאן, די מענער זענען געזעסען אהן היט. צוזאמען מיט זיי זענען געזעסען אויך פרויען. א כאר בעגלייטעט פון א פיאנא האט געזונגען אייניגע קאפיטליך תהלים און ליעדער. קלאד מאנטעפיארע, איינער פון די גרינדער האט געהאלטען א רעדע און מיט איהר האט זיך געענדיגט דאס דאווענען.

ק. מאנטעפיארע איז איינער פון די פארנעהמסטע יודען אין לאנדאן, ער איז פיעל געלערנט, רייך, פרעזידענט פון אייניגע חברות, און אויך מיטגליעדער פון דעם קאמיטעט יק"א אין לאנדאן. אין זיין רעדע האט ער געזאגט, אז דער צוועק פון דער חברה איז נור מקרב צו זיין די דערווייטערטע יודען צום יודענטהום. און דאס קען ווערען אויסגעפיהרט נור דורך דאווענען אין ענגלישער שפראך. פון דעם אלעם קען מען פערשטעהן ווי ווייט קלאד מאנטעפיארע אליין איז פון יודענטהום!

*

## פערשידענעס.

— ה' כשדאי דערצעהלט אין „המליץ“ וועגען זיין אונטערהאלטונג מיט דעם בעריהמטען רוסישען שריפטשטעלער מאקסים גארקי. די יודען זענען גארקי נישט פרעמד נאך פון זיין יוגענד, בעת ער האט געארבעט ביי די יודישע קאלאניסטען אין חערסאנער און יעקאטערינאסלאווער גוב. ער איז אפטמאל געווען ביי זיי א „שבת־גוי“, אראבגענומען די לייכטער, איבערגעטראגען זאכען א. ז. וו. און דאמאלס נאך איז איהם געפעלען זייער היימליכעס לעבען און איבערגעבענהייט צו דער פאמיליע. „אבער דער היינטיגער דור דערווייטערט זיך אלעמאל מעהר פון די אלטע זיטען און מען טרעפט שוין נישט מעהר ביי זיי די אמאליגע איינפאכקייט“. כדי זיך צו בעקענען מיט דעם ציוניזם איז גארקי געגאנגען מיט ה' כשדאי אין שול אריין, וואו עס איז געווען א ציוניסטישע פערזאמלונג מיט רעדען. די רעדען האבען אבער נישט געמאכט קיין גוטען איינדרוק אויפ'ן רוסישען שריפטשטעלער. גארקי האט ווייטער דערצעהלט זיין בעגלייטער, אז ער וועט בקרוב שרייבען א ווערק, וועלכעס וועט פארשטעלען די גוטע זייטען פון די יודען. די שלעכטע זייטען ווערען שוין גענוג געשילדערט פון אנדערע שרייבער.

— וועגען איטאליענישען קריעגסמיניסטער אטאלענגי שרייבט מען דעם „וואסהאד“, אז בשעת אטאלענגי איז בעשטימט געווארען פאר איטאליענישען קריעגסמיניסטער האבען אייניגע קאטוילישע צייטונגען געמאכט א גוואלד, זיי האבען נישט געקאנט פערדייען, אז א פרומער יוד זאל זיין איטאליענישער קריעגסמיניסטער, אבער די גאנצע איטאליענישע פרעסע איז געווען געגען זיי. אין איטאליען איז מען נישט געוואהנט צו פרעגען זיך אויף וועמענ'ס גלויבען עס איז. און יודען זעהט מען אין איטאליען אומעטום: צווישען ריכטער, פראפעסארען, אפיציערען פון דער ארמעע און פון פלאט, צווישען דעפוטאטען פון פארלאמענט און צווישען מיטגליעדער פון מאגיסטראט. אין יאהר 1870, בעת רוים איז איבערגעגאנגען פון פאפסט צום איטאליענישען קעניג, איז שמואל אלטארי געווען דער ערשטער יוד, וועלכער איז אויסגעקליבען געווארען אין רוים פאר א דעפוטאט פון פארלאמענט. דערזעלבער אלטארי האט פריהער געמוזט, אלס פרעזעס פון דער יודישער געמיינדע, יעדעס יאהר זיך שטעלען צום פאפסט, כדי צו פערזיכערן איהם די טרייהייט פון זיינע יודישע אונטערטהאנען און דאביי פלעגט ער בעקומען א שטופ מיט דעם פוס פאר א סימן פון יודישער קנעכטשאפט. דאס אלץ איז שוין אויף אייביג אוועק.

יודען פערנעהמען איצט אין איטאליען פיעל וויכטיגע שטעלען. אין סענאט זיצען פאלקאווניק לעווי, פראפעסאר אשכולי און מאססאריני. פאר אייניגע יאהר צוריק איז אויסגעקליבען געווארען פאר וויצעפרעזידענט אין סענאט יצחק מאווראגאנאטא. וואלענבערג און לוצאטו זענען געווען פינאנצמיניסטארען, אבער אז א יוד זאל זיין קריעגסמיניסטער טרעפט זיך דאס ערשטע מאל.

אטאלאנגי שטאמט פון א פרומער יודישער פאמיליע אין לאמבארדיען. ער דיענט אין דער ארמעע, זייט דער איטאליעניש־עסטרייכישער מלחמה, אין וועלכער ער האט זיך בעטהייליגט. ער האט פערנומען די גרעסטע שטעלען, און לעצטענס איז ער געווען דער שעף (נאטשאלניק) פון דעם גארניזאן אין נעאפאל, אין וועלכען עס האט געדיענט דער ראמאליגער קראנפרינץ וויקטאר עמנואל.

אטאלענגי איז דאביי איין אמת'ער און פרומער יוד: ער געהט אין שול און דערצעהלט יעדען אפען וועגען זיין יודישקייט.

— אין דער „וועלט“ איז געדרוקט איין קול־קורא, אונטערשריעבען פון דר. קאקעש און אנדערע, אין וועלכען די פערעהרער פון ראובן אשר ברוידעס ווערען אויפגעפאדערט צו געבען נדבות פאר זיינע 3 יונגע קינדער וואס זענען געבליבען אהן שום מיטלען און דארפען ווערען פערזארגט. וועמען עס איז טהייער די אידעע, פאר וועלכע ברוידעס האט געקעמפפט און די שפראך אין וועלכער ער האט געשריעבען, זאל העלפען זיינע עלענדע קינדער!

*

## ציוניסטישע נייעס.

— אין פאריז איז דעם 14־טען אקטאבער געווען איין ציוניסטישער אווענד, אויף וועלכען עס האבען געהאלטען רעדען: דר. נארדוי און אלעק. מארמארעק. מארמארעק האט אין זיין רעדע געשילדערט דעם ערפאלג פון ציוניזם אין פערגאנגענעם יאהר; דערמאהנענדיג דעם נאציאנאל־פאנד, די רייזען פון דר. הערצל קיין לאנדאן און קאנסטאנטינאפאל, דעם מינסקער צוזאמענפאהר א. ז. וו. האט ער געענדיגט דערמיט, דאס די רעדע פון רב הכולל צדוק כהן אין לעצטען יום־כפור בעווייזט דעם נצחון פון ציוניזם. ד"ר נארדוי האט זיין רעדע אנגעהויבען מיט די ווערטער: „שומר מה מלילה?“ מיט דער דאזיגער פראגע ווענדען זיך אלע, וועלכע האפען אויף שיבת־ציון צו די פיהרער פון ציוניזם. אויף דעם קאן מען דרייסט ענטפערן, אז דער ציוניזם בעווייזט, אז דאס יודישע פאלק איז אייביג יונג און קאן געהן צוזאמען מיט דער צייט. די ציוניסטען ווילען נישט מעהר פיהרען קיין וכוחים מיט זייערע בעהאלטענע און אפענע שונאים; אנשטאט צו פערברענגען די צייט מיט גאר נישט האבען זיי זיך פעסט גענומען צום ארגאניזירען, צום טהון! די ארגאניזאציאן מוז ווערען געפיהרט ענערגיש און ראש, כדי דאס יודישע פאלק זאל צו יעדער צייט גרייט זיין צו ערפילען זיין העכסטע אויפגאבע, דען מען ווייסט נישט ווען עס וועט קומען די גוטע שעה פון דער גאולה פאר יודען, ווען די וועכטער פון יודישען פאלק, קוקענדיג אויפ'ן הימעל, וועלען ענטפערען אויף דער שאלה „שומר מה מליל?“ „עס טאגט!“ דאן מוז דאס יודישע פאלק זיין פעהיג אויסצופיהרען זיין אויפגאבע!

דער עולם האט אויפגענומען די רעדען פון נארדוי און מארמארעק מיט גרויסער התלהבות און אפלאדיסמענטען.

*

## חאלערא אין ארץ־ישראל.

— די „אלליאנס איזראעליט“ אין פאריז האט זיך געווענדעט מיט פאלגענדען בריעף צום לאנדאנער רב־הכולל:

מיר לעגען פאר א בריעף פון אונזער יפו'ער אגענט וועגען דער חאלערא אין ארץ־ישראל. פון ירושלים איז מען אונז מודיע, אז די פרייזען פון לעבענסמיטעל זענען געשטיגען אויף 30 פראצענט און וועלען נאך מעהר שטייגען. אזעלכע ידיעות בעקומען מיר אויך פון אנדערע ערטער אין ארץ־ישראל. די קראנקהייט האט דערווייל נישט אנגעריהרט יודען. ווי עס זעהט אויס, איז ירושלים דערווייל פריי פון דער חאלערא, און אין אנדערע שטעדט האט די חאלערא בעריהרט נור געבוירענע אראבער. אבער אויף די יודען האבען זיך

מעהר אבגערופען די פאלגען פון די מיטלען, וועלכע די רעגירונג האט פארגע־נומען געגען דער חאלערא. די נויט איז גרויס און הילף איז נויטהיג א. ז. וו.

דער אינהאלט פון יפו'ער בריעף איז פאלגענדער:

די חאלערא איז אויסגעבראכען אין דער סביבה פון יפו. לויט די אפי־ציעלע ידיעות איז די שטערבליכקייט 50 אויף 100 קראנקע.

אין ל ו ד, א דארף, וועלכעס ליעגט 2 שעה פון יפו, שטארבען א טאג 20—25 מענשען, די עפידעמיע צושפרייט זיך געשווינד. יעדער, ווער עס קומט פון יפו, ווערט אבגעשלאסען אין קאראנטין. די פערבינדונג אין לאנד איז גע־ווארען אין גאנצען אבגעהאקט. דאס יקרות אויף לעבענסמיטעל איז זעהר גרויס. די שטאדט טהוט אלעס מעגליכע צו רייניגען די גאסען און וואהנונגען. מען האט זיך געווענדט וועגען הילף אין די אייראפעאישע גרויסע שטעדט א. ז. וו.

דעם „דזואיש קראניקל" איז מען מודיע, אז די חאלערא הערשט בעזונ־דערס אין ח ב ר ו ן, י פ ו און ט ב ר י ה, אין וועלכע עס געפינען זיך גרויסע יודישע קהלות. די פערבינדונג צווישען יפו און ירושלים איז געווארען אבגע־שניטען. א דעפעשע איז מודיע, אז לויט די אפיציעלע ידיעות זענען די לעצטע וואך געשטארבען 318 מענשען אין ג א ז א, 121 אין ל ו ד, 3 אין י פ ו און 15 אין ח ב ר ו ן.

*

## ליטעראַרישע נייעס.

— ה' א ל י ע ז ר א ל י ה ו ב ר' ב נ י מ י ן פ ר י ד מ א ן האט געקראגען די ערלויבניש ארויסצוגעבען אין ו ו א ר ש א אונטער זיין רעדאקציאן א טעגליכע צייטונג אין העברעאישער שפראך מיט דעם נאמען „ה צ ו פ ה" לויט פאלגענדען פראגראם: 1) לייטארטיקעל; 2) פאליטישע איבערזיכט; 3) אינלענדישע נייעס; 4) אויסלענדישע נייעס; 5) ארטיקלען וועגען פערשידענע לעבענספראגען; 6) טעלעגראמען; 7) פעלעטאן.

— אין אדעסער קלוב „בעסיעדא" זענען געווען דריי ליטעראַרישע אווענדען, וועלכע זענען איינגעריכטעט געווארען דורך איין בעזונדער פעראיין. דאס לעצטע מאל זענען אלס לעקטארען ארויסגעטרעטען ה' גינצבורג (אחד-העם) און דובנאוו.

— פון ניו-יארק איז מען מודיע, אז דאס דרוקען פון דריטען באנד פון דער „י ו ד י ש ע ר ע נ צ י ק ל א פ ע ד י ע" אין ענגלישער שפראך וועט בקרוב ווערען געענדיגט. כדי מעהר צו פערברייטען דאס ווערק, וועט עס ווע־רען פערקויפט אויך אין ליעפערונגען, פון 2 בויגען, יעדע צום פרייז פון 30 סענט.

ה' ש. מ. גינזבורג און ש. ראפאפארט האבען בעקומען איין ערלויבניש ארויסצוגעבען אין פעטערבורג א טעגליכע פאליטישע און ליטעראַרישע צייטונג אין זשארגאן אונטער דעם נאמען „דער פריינד".

---

## דער הונד.

(ערצעהלונג).

פון וואנען ער האט זיך גענומען, האט מען ניט געוואוסט. אין א ליכטיגען זומער פריה-מארגען האבען די בעלי בתים פון אלטען בית מדרש דערזעהן צווישען די עטליכע שטעדטיל-קונדיסים, א יונגיל פון א יאהר פונפצעהן, איין אבגעריסענעם, איין אבגעשליעסענעם, מיט צושווי־בערטע האר אונטער'ן היטיל און מיט א צודראפעטען פנים.

—שוין א נייער העכט!—האט זיך געקרימט קוקענדיג אויף איהם ר' חנא פעשעס, קומענדיג אין דער פריה דאווענען און דערזעהענדיג איהם —ווער ביזטו?

— א טאטענס מיט א מאמעס!—האט דאס יונגיל שפאטיש אב־געענטפערט און האט זיך מיט'ן גאנצען גוף איין קראץ געטהון.

— טפו! — האט ר' חנא אויסגעשפיגען און איז אוועק צו זיין שטאדט.

די איבעריגע קונדיסים האבען איהם לכתחילה אויך טרוקען צו־גענומען, אז זיי האבען אבער זיך מיט איהם א „פרוף" געטהון אין „איינ־לעגען זיך", און ער האט א פאר פון זיי גלייך א ווארף געטהון אויף דער ערד, האט איינער פון זיי, געציל דער „קרופעניצעס" ערנסט זיך אנ־גערופען:

— ביזט געזונד!

— א יין!- האט פייוועל „קוליע" אונטערגעהאלטען.

די איבעריגע קונדיסים האבען זיך צוגערוקט און בעטראכט דעם „נייעם" מיט דרך-ארץ'דיגע בליקען.

—ביזט ניט קיין היענער, הא?—האט איהם געציל דער קרופעני־צעס א פרעג געטהון.

— ניין!—האט ער טרוקען און ניט גערן געענטפערט.

—פון וואנען?

—פון קלעצק.

— קלעצקער גנבים!—האט איינער זיך אנגערופען.

—עהרליכער ווי די היענע יודען!—האט זיך דער נייער מיט כעס אנגערופען.

— דו האסט א טאטען מיט א מאמען?—האט מען איהם ווייטער געפרעגט.

—ניין!

—וואס וועסטו דא טהון?—האט מען איהם ווידער געפרעגט.

— איך וועל מיין שטעדטיל בעשטעהן! — האט ער שטאלץ גע־ענטפערט, ווי א גרויסער, דערוואקסענער מענש, און א בלינציל געטהון מיט די אויגען.

מעהר האבען פון איהם די שטעדטילשע קונדיסים די ערשטע צייט ניט דערגאנגען.

שפעטער, אין א פאר וואכען ארום, אז ער איז נעהענטער בער־קאנט געווארען מיט געציל קרופעניצעס, און האט ביי איהם גענומען דריי „ציה" פון פאפיראס, וואס נעציל האט גערויכערט, האט ער דער־צעהלט זיי אזא מעשה:

—איך בין דאך אהער צו פוס געקומען...

—אזש פון קלעצק?—האט „חברה" זיך פערוואנדערט.

— אויך א נעשעפט—האט ער זיך בעריהמט,—גיב נאך א ציה—געציל!—און ער האט אויסגעצויגען די האנד.

געציל האט איהם צוגעטראגען צום מויל דעם פאפיראס, ניט טרוי־ענדיג איהם פון האנד. דער נייער קונדס האט א ציה געטהון מיט אלע כחות.

—אבער א „ציה" האסטו געטהון!—האט זיך געציל פערקרימט—דעם גאנצען פאפיראס האסטו אויסגערויכערט.

—נישקשה—אז איך וועל קריגען, וועל איך דיר אויך געבען. איך זשאלעווע ניט,

—א קבצן איז א בעל צדקה!—האט זיך איינער געוויצעלט.

—אנטלאפען בין איך פאר אזא מעשה—האט דער „נייער" פארט־געזעצט זיין ביאגראפיע—אז מיין טאטע איז געשטארבען...

— און א מאמען האסטו?—האט מען איהם איבערגעשלאגען.

—איך האב דאך שוין אייך געזאגט אז ניין... זי איז געשטארבען נאך אין קינדבעט מיט מיר—אז מיין טאטע איז געשטארבען, האט אונ־זער א שכן א שוסטער צוגענומען מיר און געזאגט:

—איצטער, האצקעלע, אויס...

— מען רופט דיך חאצקעלע?—האט חברה איבערגעשלאגען.

—חאצקעלע,—האט ער שטיל געענטפערט, ווי ער וואלט זיך גע־שעמט מיט זיין נאמען—אויס האט דער שוסטער געזאגט. גענוג צו באַ־דעווען. ווער שוין א מענש. איך וועל דיר צונעהמען צו מיר און דו וועסט זיין איין בעל מלאכה... איך האב אבער ניט געוואלט. פע! זיטצען א גאנצען טאג און קלאפען צוועקליך. מיין טויט איז דאס. וואס דארף מען דאס ארבייטען — האב איך געקלערט. די בעסטע זאך איז לעבען

פריי. האטש ניט עסען ; ארבייטען וואלט איך וועלען, אבער א ביסעלע: פיער שעה אין טאג...

— פיער שעה אין טאג איז אויך צו פיעל, — האט נעציל איבערגעשלאגען — א שעה אין טאג איז גענוג. איך העלף דער מאמען אלע טאג א שעה דרעהען די שטיינער ביי די גרויפען. מעהר וויל איך ניט.

— מיין שוסטער האט אבער געוואלט, איך זאל זיטצען א גאנצען טאג און ארבייטען. טאמער האב איך מיך אביסיל צוגעפוילט, פלעגט ער מיך שלאגען. דערפאר פלעג איך גאר אין כעס זיין. מילא אז חברה שלאגט מיר א מאל אין שטעדטיל, ארט מיר ניט, איך גיב א קלאפ, זיי גיבען א קלאפ, מען איז קוויט. דעם שוסטער צוריק שלאגען האב איך ניט געקענט, ער איז געוועזן דאר ווי הארט, מיט'ן "גאטס פינגעריל" וואלט איך איהם איינגעלעגט. אז ער פלעגט מיר א מאל געבען א פאטש מיט ויינע דארע הענטליך, פלעגט זיך מיר וועלען ברעכען... וועה האט מיר גארניט געטהון.

— איך וואלט איהם אראבלאזען אין זיין "פאטרעט" א "טונק", וואלט ער שוין קיין כח ניט געהאט צו פאטשען זיך... — האט נעציל מיט פעראכטונג געזאגט.

— איך האב איהם א בעסערע זאך אבגעטהון. איך האב ביי איהם "צוגעצויגען" א פאר שטיוועל און בין אנטלאפען געווארען.

— וואו זענען די שטיוועל?

— פערקויפט. גענומען צוויי רובל, — האט זיך האצקעל בעריהמט.

— האסט דאך קיין פאספארט ניט.

— איך דארף קיין פאספארט ניט. איך בין א היגער, מיין טאטע פלעגט פון דאנען נעמען א פאספארט.

— האסט דא קרובים?

— קרובים? — האט ער א קוועטש געטהון מיט די פלייצעס — אפשר יא, נאר איך קען זיי ניט.

— ברעכען זיי די קעפ, די קרובים! — האט נעציל געשאלטען. — מיין מאמע האט דא קרובים, לאזען זיי איהר אפילו אויפ'ן שוועל ניט ארויף.

— מסתמא רייכע.

— זעהר רייך! — האט זיך געציל צוקאכט — איינער יענקיל האצעס האט אפשר צעהן טויזענד רובל, ער לייהט געלד אויף פראצענט.

— ביי אזא קרוב איז גוט צו גנב'נען! — האט האצקעל מיט א לוסטיגען שמייכעל א זאג געטהון.

— לעגט ער אן מיט'ן קאפ — האט געציל א מאך געטהון מיט'ן האנד.

---

אז די חברים זענען נעהנטער בעקאנט געווארען, האבען זיי געפונען, אז האצקעל איז א געראטענער אין שטיקליך פראווען. דערהויפט איז זיי געפעלען געוועזן, ווי ער בילט ווי א הונד.

— האצקעל, ביל א ביסעלע, — פלעגט איהם געציל בעטען.

— האוו — האוו — האוו — פלעגט האצקעל אנהויבען צו בילען, און חברה פלעגט זיך האלטען פאר די בייכער.

— פונקט ווי א הונד! — האבען זיי געלויבט.

— ביי אונז אין קלעצק פלעג איך אלעמען שרעקען ביי נאכט — האט האצקעל לאכענדיג דערצעהלט. — לייבע וואלפס, א רייכער יוד, איז א מאל פאר שרעק געפאלען, אז איך האב ביי נאכט אויף איהם אנגעהויבען צו בילען.

— פחדנים! — האט חברה געלאכט.

— האוו — האוו — האוו! — האט האצקעל בעוויזען ווי אזוי ער האט דאמאלס געבילט.

און חברה האט איהם א נאמען געגעבען "הונד". ביסליכווייז האט מען זיין אמת'ן נאמען פערגעסען און "הונד" איז געבליבען זיין געוועהנליכער, נאטירליכער נאמען.

און איהם האט עס ניט געארט. פערקעהרט, ער האט, ווי נעפיהלט, אז דער נאמען טהיילט איהם אב פון אלע איבריגע מענשען, וועלכע ער האט ניט אזוי שטארק ליעב געהאט. דער נאמען לאזט איהם ניט צו האבען קיין מגע ומשא מיט די איבעריגע "נפשות", אויסער זיינע גוטע ברידער, די קונדיסים. דער נאמען גיט איהם פרייהייט אומצולויפען, צו הונגערן און שלאפען, וואו עס מאכט זיך. טרייבט דער שמש ארויס פון פאלעש, קען ער איבערשלאפען די נאכט אויפ'ן גאניק פון ווייבערשער שוהל, פונקט ווי א הונד טאקי. און צייטענווייז פלעגט ער, בילענדיג, זיך גאר פערגעסען, אז ער איז א מענש. ער פלעגט אריינגעהן אין דער הינטעשער ראליע און בילען מיט נעפיהל, מיט בייזקייט, מיט רציחה, ווי ער וואלט וועלען עמיצען צוריסען.

איינמאל האט איהם געציל דער קרופעניצעס גערופען צו זיי מאמען:

— ווילסט, הונד, פערדיענען א צעהנעריל?

— יא! — האט דער הונד אהן חשק געענטפערט.

— קום צו אונז, וועסט העלפען דרעהען די שטיינער ביי די גרויפען, וועט די מאמע דיר געבען פינף קאפיקעס.

דער הונד איז אוועקגעגאנגען. אין מיטען וועג האט ער א ביל געטהון:

— האוו — האוו!

— וואסט בילסטו? געהסט דאך ארבייטען! — האט איהם געציל דערקלערט.

— ס'ווילט זיך ניט געהן... האט דער הונד פויל אויסגערערט.

— ביזט אנ'אמת'ער הונד — האט געציל געשטראפט — וועסט פגר'ן ווי א הונד פאר הונגער.

— בעסער ווי ארבייטען... האוו — האוו!...

אריינגעהענדיג צו געציל אין שטוב, האט דער "הונד" געווארפען א פעראכטליכען בליק אויף דעם גרויסען שטעקען, וואס איז געוועזן איינגעפלאכטען אין צוויי שטיינער, פערשטויבטע פון מעהל, און האט זיך גענומען קראצען...

— אט דאס איז דיין שענער חבר... — האט די קרופעניצע זיך פערקרימט — א לייט, ניטא וואס צו רעדען!...

— האוו — האוו! — האט דער הונד א ביל געטהון מיט א ווילדען געלעכטער.

— קיין משוגענע שטיק פראווע דא ניט — האט זיך די אלמנה געבייזערט — ווילסט העלפען דרעהען די שטיינער איז גוט אז ניט — געה געזונטערהייט.

דער הונד האט אנגעהויבען צו דרעהען, אלע ווייל אונטערבילענדיג...

— וואס איז דאס, א דיבוק איז אין איהם! האט זיך די גרופעניצע דערשראקען — א מענש זאל נור טהון און בילען.

— האוו — האוו! האט זיך דער הונד מיט כעס פונאנדערגעבילט — גענוג צו דרעהען, גיט אהער א צעהנעריל.

— אזוי גיך א צעהנעריל ווילסטו פֿערדינען! הונד איינער! — האט געצילס מוטער זיך נעבייזערט. דרעה א גאנצען טאג.

— ניט דערלעבען וועט איהר דאס! — האט דער הונד זיך צו־שריען, און איז ארויסגעלאפען אהן א צעהנעריל.

— שוין בעסער זין א הונד איידער דרעהען די שטיינער א גאנ־צען טאג, — האט ער אויסגעשפיגען געהענדיג און האט אנגעהויבען צו בילען...

(ענדע קומט.)

אברהם רייזען.


## חירורגישע אנשטאלט

ווארשא, מוראנאווסקא נ׳ 3.

אין דער ניי געעפֿענטער חירורגישער אנשטאלט אין ווארשא (מוראנאווסקא נ׳ 3) ווערען אנגענומען קראנקע אויף פֿערשידענע אפעראציאָנען.

פרייז פער בעט, טעגליך, מיט טיש און ערצטלי־כער בעהאנדלונג פֿון 1,50 ר׳ אן. בעזונדערע צימער פֿון 2,50 ר׳ אן טעגליך. די אפעראציאָנען ווערען אויסגעפֿיהרט דורך

**דר. סאלאָוויציק.**

587

## „אחיאסף“

מאסף ספרותי עם תמונות וציורים

עריך ע״י ר. בריינין.

יצא לאור ונשלח לכל החותמים.

המחיר: 1,50 ר׳, עם פארטא 1,85, מכורך 1,90, עם פארטא 2,25

בקרוב יעלה מחיר הלוח לשני רובל לבד פארטא.

Издательство „Ахіасафъ“, Варшава.

Verlag „Achiasaf“, Warschau.

## ראזיערען אהן א מעססער!!!

מיין ראזיר-פורדער דאס בעסטע דער וועלט, אין עטליכע מינוטען קען יעדער מענש זיך זעלבסט גאלען אהנע מעססער, גאר בעשמירט מיט די פורער, די האהר פאלען אויס און די הויט ווירד זייבער און ווייס. מיינע נייע פאדער איז ווייס און שמעקט ווי פארפום זייף. איינע שאכטעל קאסט 1 רובל (פריי), 3 שאכטעלן 2 רובל, 12 שאכטעלן 5 רובל, 24 שאכטעלן 8 רובל. געלד מוז מען פאראויס איינשיקען, פער נאכנאהמע ווירד ניכט געשיקט.

J. B. Sakolsky Dageraad plaast 30. Antwerpen (Belgien)

## ווארנונג!

דא אין די לעצטע צייטען האבען זיך פיעלע פעל־שער געמעהרט, וועלכע אום צו בעטריגען דעם פובליקום, מאכען זיי נאך אויף זייערע געמיינע נאכ-אהמונגען צייכען וואס זענען אהנליך צו אונזערע סטעמפלען, דארום ביטטען וויר געפֿעלליגסט צו בעאכטען גענוי אויף אונזערע סטעמפלען, בעזאנדערס אויף יעדען איינציגען סארט, לויט ווייטער בעצייכנעט.

1898 GALW. N NORBLIN i S-ä — בעשטעקקע געוועהנליך פערזילבערט

1836 GALW. N D NORBLIN i S-ä — דאפפעלטע „

1896 GALW. N N. B. M. NORBLIN i S-ka — זופענלעפפעל איגזוועגדיג פערגאלדעט

1896 GALW. Z N NORBLIN i S-ä — בעשטעקקע אוים נייען ווייסען מעטאל

אקציען געזעלל־שאפט

**Norblin, Gebr. Buch et T. Werner**

אין ווארשא, נאלעווקי נומער 11

עמפפעהלט

### ערציינגניסע אוים נייזילבער

וועלכע זינד מיט פאלגענדע סטעמפעל פערזעהען.

אללע איבריגע ארטיקעל — NORBLIN & Co GALW. WARSZAWA

ערצייגניססע צווייטער סארטע — B. BUCH. II WARSZAWA

מאגאזינען:

ס״ט פעטערבורג, מאסקווא, לאדז, אדעסא, ריגא, קיוב, חאר־קאוו, סאראטאוו, טיפליס, ווילנא, יעליזאוועטגראד, מינסק (גוב.), ניזני־נאווגאראד, און אירביט וועהרענד דער מעססען.


Verlag „Achiasaf“. Verantwortlicher Redacteur M. Berkowicz. Herausgeber u. Buchdrucker Josef Fischer in Krakau.